# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### און פָארְט פְרֵיילִיךְ...

"מַיין טַייעֶר לִיבֶּער קִינְד! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יֶעצְט וָואס דִיר צוּ שְׁרֵייבְּן; וַוייל אִיךְ בִּין הַיינְט אַרוֹיס פוּן מַיין שְׁטוּב, אוּן עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן עֶפֶּעס וָואס אִיךְ זָאל דִיר שְׁרֵייבְּן." דָאס זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער מִיט וֶועלְכֶע ר' נָתָן הֵייבְּט אָן זַיין בְּרִיוו צוּ זַיין בַּאלִיבְּטְן זוּן ר' יִצְחָק פוּן טוּלְטְשִׁין. שְׁרַייבְּט ר' נָתָן וַוייטֶער, "נָאר וִויבַּאלְד אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ מַיין פְּלִימֶענִיק ר' אַיְיזִיק, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט ווִי שְׁטַארְק דִי וַוארְטְסְט אִיךְ זָאל דִיר שְׁרֵייבְּן."

זָאלְסְט וִויסְן מַיין זוּן - אַז מַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דָאס לֶעצְטֶע מָאל וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב אוֹיף אַ בַּאזוּךְ, בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן דַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, פַאר מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְטְרָאגְן.

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גְלֵייבּ אִיךְ אוּן אִיךְ וֵויים אַז מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט נָאךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף אוּנְז אַלֶע, עֶר וֶועט אוּנְז קַיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן - וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין - וֶועט צוּם סוֹף זַיין זֵייעֶר גוּט מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף, וַוייל מִיר הָאבְּן אוֹיף וֶועם זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן, אוֹיפְ'ן רֶבִּי'נְ'ס גְרוֹיסְן כֹּחַ!

פוּן יֶעצְט פָאלְג וָואס אִיךְ בַּאפֶעל דִיר! בִּיטֶע, מַאךְ דִיךְ פְרֵיילִיךְ - מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר! בִּפְרָט אִין דִי טֶעג פוּן חֹדֶשׁ אֲדָר וָואס חֲזַ"ל זָאגְן "מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּים בְּשִׂמְחָה". "שְׁפִּיל דֶעם אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ שְׁפִּיל" אָדֶער "דֶער קַבְּצָן מִיטְ'ן עוֹשֶׁר שְׁפִּיל" אָדֶער "דֶער ווִינְטֶער מִיטְ'ן זוּמֶער שְׁפִּיל" א.ד.ג.

נִישְׁט נָאר דוּ, נָאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט דַארְפְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דוּרְךְ אַלֶערְלַיי 'מִילֵי' דְשְׁטוּתָא', אוּן זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ... אוּן פָארְט פְרֵיילִיךְ... אוּן פָארְט אוּן פָארְט...

דַיין טַאטֶע נָתָן מִבְּרֶסְלֶב א' תְּרוּמָה תקצ"ג

וָואס זָאגְן אַייךְ קִינְדֶערְלֶעךְ אוֹיף אַזַא בְּרִיוו?!

פַארְוָואס אִיז דֶער וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן טְרוֹיעֶר מִיטְ'ן מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ???

עֶס אִיז דָא גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶער תּוֹרָה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט אַרוּמְבִּינְדְן זַיין הֵיילִיגֶע פָּנִים מִיט אַ טַאשׁ-טִיכְל פוּן גְרוֹיס לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט

המשך אויף קומענדיגע זייט

געלויכטן אויף זיין פָּנִים! תּוֹרָה כ"ד אִין ערשטן חֵלֶק. דער רֶבִּי זאגט דארט, "אַז אַ איד טוט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, קען ער אָנקומען צו די העכסטע מַדְרֵגוֹת". ווען ר' נָתָן האט געהערט די תּוֹרָה האט ער זִיךְ זייער צוּפְלַאמְט און צוּקאכְט, ער האט מְחַדֵּשׁ געווען עטליכע געוואלדיגע הֲלָכוֹת אויף דער תּוֹרָה.

לָאמִיר כאפְּן אַ בְּלִיק אין איין הֲלָכָה; "דער עִיקָר קְדוּשָּׁה אִיז שִׂמְחָה - אַז מען אִיז פְרֵיילִיךְ, דאס מיינט אַז אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ מִיט'ן בַּאשֶׁעפֶער. ווער עס האט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף אַלֶעמָאל זיין פְרֵיילִיךְ. דאס קען מען אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן ווִי שְׁטַארְק מען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶער חֵלֶק אַז דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער האט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פון אַלֶע פֶעלְקֶער, מְחַקְרִים און אֶפִּיקוֹרְסִים, ווֶעלְכֶע זֶענֶען אויף דִי פַארְקֶערְטֶע זַייט פון קְדוּשָּׁה - זֵיי גֵייעֶן אויף דִי וֶועגְן פון הָמָן און עֲמָלֵק."

הָמָן הָרָשָׁע האט גוט געוואוּסְט ווִי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען מִיט דִי מִצְוֹת און ווִי מִיר טוּעֶן דָאס מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה און מְסִירוּת נֶפֶשׁ - דִי גֶעוַואלְדִיגֶע פְרֵייד מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת וָואס מִיר פַארְמָאגְן. דֶערְפַאר האט הָמָן זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען, בִּיז ער האט געוואלט אוּמְבְּרֶענְגֶען מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק מִיט אַלֶע אִידְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער האט דֶעמָאלְט געטוּן אַ גֶעוַואלְדִיגְן נֵס אַז מִיר זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פון הָמָן עֲמָלֵק. אָבֶער דִי וֶועג זֵיי צו מַכְנִיעַ זיין און אִינְגַאנְצְן אוֹיסְמֶעקְן אִיז נָאר מִיט שִׂמְחָה. עס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה אויף דער ווֶעלְט, ווִי ווֶען מִיר קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעך טוּעֶן אַ מִצְוָה און אַ נַחַת רוּחַ פַאר אוּנְזֶער מֶעכְטִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

מִיר קוֹיפְן זִיךְ אַיין אַן אֵייבִּיגֶע ווֶעלְט לָנֶצַח נְצָחִים - מִיט אַפָּאר בֶּענְדְלֶעך פון דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית וָואס מען קען קוֹיפְן פַאר קְלֵיין גֶעלְט. אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה פון דֶעם?!

לָאמִיר זִיךְ בַּאנַייעֶן מַעֲשָׂיו - פון יֶעצְט! מִיר ווֶעלְן טוּן אַלֶע מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה און פָאלְגְן דעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן "רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵייגָא וְשִׂמְחָה". דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין בְּרֶענְגֶען אִינְגִיכְן דִי גְאוּלָּה שְׁלֵמָה וָואס דֶעמָאלְט ווֶעט זיין דִי שִׂמְחָה הַשְּׁלֵמָה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

הר"ר יוסף אברהם משה הירש הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הר"ר דוב רובינפעלד הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

# ר' צְבִי אַרְיֵה בֶּן-צִיּוֹן רוֹזֶנְפֶעלְד



ט״ז שְׁבָט יָאר תרפ״ב אִיז ר' יִשְׂרָאֵל אַבָּא רוֹזֶנְפֶעלְד גֶעשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן מִיט אַ נַיי גֶעבּוֹירֶענֶעם אִינְגֶעלֶע, עֶר הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן צְבִי אַרְיֵה נָאךְ זַיין פֶּעטֶער וָואס אִיז אוּמְגֶעקוּמֶען אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, דֶער טַאטֶע ר' יִשְׂרָאֵל אַבָּא אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם טְשֶׁערִינֶער רָב ווִי אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן ר' אַהֲרֹן, דֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אִין בְּרֶסְלֶב. אַזוֹי ווִי זַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת אִיז דֶער טַאטֶע אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ פַייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד אִין טְשֶׁערִין, עֶר הָאט גֶעהַאט פַארְבִּינְדוּנְגֶען מִיט דִי הוֹיכֶע פֶּענְסְטֶערְס בַּיי דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג וָואס עֶר פְלֶעגְט מִיט דֶעם אַסַאךְ הֶעלְפְן זַיינֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער.

מִיט דֶער צַייט הָאט זִיךְ ר' יִשְׂרָאֵל אַבָּא אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן קַיין פּוֹילְן אוּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דֶער שְׁטָאט גֶעדִינְיֶע, וואוּ דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער צְבִי אַרְיֵה אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, וֶוען דָאס קְלֵיין קִינְד אִיז אַלְט גֶעוֶוען אַ הַאלְבֶּע יָאר הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט אַ שְׁוֶוערֶע מַגֵּפָה רַחֲמָנָא לִצְּלַן וָואס הָאט לַיידֶער אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן, אוֹיךְ הָאט דֶער קְלֵיין צְבִי אַרְיֵה'לֶע לַיידֶער גֶעכַאפְּט דִי קְרֶענְק אוּן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוּמְגֶעזוּנְט. פַארְצְוֵוייפְלְט הָאבְּן דִי דֶערְשְׁרָאקֶענֶע עֶלְטֶערְן גֶעוֶוענְדֶעט זֵייעֶרֶע טְרִיט צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים וֶועלְכֶער אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְס גֶעוֶוען אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן, אוּן מִיטְגֶעטֵיילְט דֶעם צַדִּיק מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צָרָה אַז זֵייעֶר קְלֵיין בֶּעיבִּי שְׁוֶועבְּט נֶעבֶּער צְווִישְׁן לֶעבְּן אוּן טוֹיט... דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט זֵיי גֶערָאטְן צוּ צוּלֵייגְן פַארְן קִינְד דֶער נָאמֶען בֶּן-צִיּוֹן אוּן טַאקֶע דָאס קִינְד אִיז צוּבִּיסְלֶעךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהַיילְט גֶעוָוארְן, צוּ דִי פְרֵייד פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

וֶוען צְבִי אַרְיֵה אִיז אַלְט גֶעוֶוען צְוֵויי יָאר הָאבְּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִידֶער גֶענוּמֶען דֶעם וַואנְדֶער-שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן צוּ דֶער וַוייטֶע אַמֶערִיקֶע, דָארְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין גֶעגְנְט פוּן בְּרַאוּנְזְווִיל אִין דֶער שְׁטָאט בְּרוּקְלִין. דִי צַייט אִיז אַרִיבֶּער אוּן דֶער קְלֵיינֶער צְבִי אַרְיֵה'לֶע אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן אוּן אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַ וואוֹילֶער בָּחוּר'ל וָואס אִיז גֶעשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דֶער יְשִׁיבָה אוֹיפְן נָאמֶען פוּן ר' חַיִּים בֶּערְלִין זַ״ל אוּן אִין יְשִׁיבַת ״תּוֹרָה וָדַעַת״ וֶוען אִין דִי אַלֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעהָארֶעוֶועט אִין לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה אַזוֹי וַוייט אַז מֶען פְלֶעגְט אִים רוּפְן ״דֶער עִלּוּי״ וֶוען צְבִי אַרְיֵה אִיז אַלְט גֶעוֶוען זֶעכְצְן

יָאר הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן אִין רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וֶוען מִיט זַיין מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה הָאט עֶר אַזוֹיפִיל גֶעלֶערְנְט אִין זֵיי בִּיז עֶר הָאט גֶעהַאט בְּקִיאוּת אִין דִי סְפָרִים מַמָּשׁ אוֹיפְן לָשׁוֹן, וֶוען פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט לָאזְט עֶר נִישְׁט אָפּ זַיינֶע אַנְדֶערֶע לִמּוּדִים אִין שַׁ"ס אוּן פּוֹסְקִים, בַּיי אֵיין-אִין-צְוָואנְצִיג יָאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אַרִיבֶּער לֶערְנֶען אִין דִי נוּבְהָארְדוּקֶער יְשִׁיבָה, דָארְט הָאט עֶר אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעשְׁטִיגְן. בַּיי דְרַיי אִין צְוָואנְצִיג יָאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען סְמִיכָה צוּ זַיין אַ מוֹרֶה הוֹרָאָה פוּן ר' אַבְרָהָם יָפָּה'ן, ר' צְבִי אַרְיֵה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דֶער טָאכְטֶער פוּן ר' רְפָאֵל אֱלִיעֶזֶר פַּייבְלְזָאן וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אִין שִׁיקַאגוֹ וֶוען דִי גַאנְצֶע צַייט זוּכְט עֶר וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ נָאךְ בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים וָואס עֶר קֶען אַבִּיסְל הֶערְן פוּן זֵיי אַבִּיסְל דִיבּוּרִים, בִּיז צוּ זַיינֶע אוֹיעֶרְן הָאט דֶערְגְרַייכְט דֶער נָאמֶען פוּן ר' אַבְרָהָמֶ'לֶע שְׁטֶערְנְהַארְץ זַ"ל הָאט עֶר פוּן דַאן גֶעהַאלְטְן מִיט אִים פַארְבִּינְדוּנְגֶען דוּרְךְ בְּרִיוו.

דֶער וַוארֶעמֶער חָסִיד ר' אַבְרָהָמֶ'לֶע שְׁטֶערְנְהַארְץ הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן דֶעם אֵייבִּיגְן פַייֶער פוּן רֶבִּי'ן אִין הַארְץ פוּן ר' צְבִי אַרְיֵה וֶוען אִין יָאר תש"ט הָאט ר' צְבִי אַרְיֵה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן ר' אַבְרָהָמֶ'לֶע הָאט אִים אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן סְמִיכָה לְרַבָּנוּת, אוּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטַארְקְט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן רֶבִּי'ן אִין דִי גָאלְדֶענֶע אַמֶערִיקֶע וָואס אִיז דֶעמָאלְס גֶעוֶוען וִוי אַ מִדְבָּר אִין אִידִישְׁקֵייט בִּכְלַל, נָאכְדֶערְצוּ אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ.

וֶוען ר' צְבִי אַרְיֵה אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען מִיטְן גַאנְצְן בְּרֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גְרוֹיסֶע בְּשׂוֹרָה אַז סְ'אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן - וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען אֲפִילוּ אִינֶעם נִידְרִיגְסְטְן שְׁטַאפְּל, עֶר הָאט גֶערֶעדְט דְּרָשׁוֹת אוּן פַארְבְּרֶענְגְט מִיט פַארְוָוארְפֶענֶע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים שְׁוֶועל צוּ פַארְגֶעסְן פוּן זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט אוּן הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט, 'אַז קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין...' אוּן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וַוייט אוּן פַארְפַאלְן, נָאר פַארְקֶערְט, וִוי וַוייט אַ אִיד אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער מֶער נַחַת רוּחַ וֶוען עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן וַוייל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן...,
אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעקְלֶעפְּט צוּ אִים אַסַאךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פוּן אַלֶע קְרֵייזְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים אִיז גֶעוֶוען פַאר זֵיי אַ נַייעֶ הָאפֶענוּנְג, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַסַאךְ בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה, וֶוען עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי כָאטְשׁ אִין זֵייעֶר מַצָּב צוּ טוּן אִין אִידִישְׁקֵייט וָואס זֵיי קֶענֶען יָא... בִּיז זֵיי זֶענֶען צוּבִּיסְלֶעךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

און וִוי עֶר פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ אַזוֹי - רוּפְט עֶר זִיךְ אָן (צוּ דֶעם אַנְדֶערְן ׳חָכָם׳ דֶער ׳שְׁלִיחַ׳, וָואס הָאט דֶעם ׳בְּרִיוו׳ גֶעבְּרַאכְט:

״וֵוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן: אָט מַיין דֵעָה [מֵיינוּנְג] אִיז: אַז סְ׳אִיז גֶעדְרִינְגֶען [סְ׳מוּז זַיין], אַז סְ׳אִיז גָאר קַיין ׳מֶלֶךְ׳ נִישְׁט דָא אִין דֶער וֶועלְט! - און דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ דֶערִינֶען טוֹעֶה - זֵיי מֵיינֶען אַז סְ׳אִיז דָא אַ ׳מֶלֶךְ׳?!

אַדְרַבָּא פַארְשְׁטֵיי: וִוי גֶעשִׁיקְט זִיךְ דָאס [וִויאַזוֹי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ], אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן [אִיבֶּערְגֶעבְּן] צוּ אֵיין מֶענְטְשְׁן [מֶענְטְשׁ] אִין דֶער הַאנְט אַרַיין, אַז עֶר זָאל זַיין דֶער ׳מֶלֶךְ׳?! - סְ׳אִיז אַוַודְאַי קַיין ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט דָא״!

עֶנְטְפֶערְט דֶער ׳חָכָם׳ דֶער ׳שְׁלִיחַ׳: ״אִיךְ הָאבּ זִיךְ [דָאךְ] דִיר גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] אַ ׳בְּרִיוו׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳״!

פְרֶעגְט אִים דֶער ׳חָכָם׳ (דֶער חַבֵר פוּן דֶעם ׳תַּם׳): ״הָאסְטוּ אַלֵיין גֶענוּמֶען דֶעם ׳בְּרִיוו׳ בַּיים ׳מֶלֶךְ׳, אוֹיס [פוּן] דֶער הַאנְט אַרוֹיס״?! עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: ״נֵיין! נָאר אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם ׳בְּרִיוו׳ [אִין נָאמֶען] פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳״!

רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: ״נָא אַדְרַבָּא! הַיינְט זֶעה מִיט דַיינֶע אוֹיגְן, אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט, אַז סְ׳אִיז גָאר קַיין ׳מֶלֶךְ׳ נִישְׁט פַארְהַאנְדְן״!

פְרֶעגְט עֶר אִים וִוידֶער (דֶער ׳חָכָם׳, דֶער חַבֵר פוּן דֶעם ׳תַּם׳ - [פְרֶעגְט פוּן] דֶעם אַנְדֶערְן ׳חָכָם׳ דֶעם ׳שְׁלִיחַ׳): ״זָאג מִיר נָאר: דוּ בִּיזְט זִיךְ [דָאךְ] פוּן דֶער ׳עִיר־מְלוּכָה׳, און דוּ בִּיזְט [דָאךְ] דָארְט גֶעוַואקְסְן [אוֹיפְגֶעוַואקְסְן] גֶעוָוארְן - [אוֹיבּ אַזוֹי] זָאג מִיר: הָאסְטוּ וֶוענְס [בְּמֶשֶׁךְ דַיינֶע יָאהְרְן] גֶעזֶעהְן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳״?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״נֵיין״! - [וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, אַז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן דֶעם ׳קֶענִיג׳ - וַוייל דֶער ׳קֶענִיג׳ בַּאוַוייזְט זִיךְ נִישְׁט, נָאר אִין זֵייעֶר וַוייטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייטְן].

רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: ״הַיינְט זֶעה, אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט! אַז סְ׳אִיז בְּוַודְאַי גָאר קַיין ׳מֶלֶךְ׳ נִישְׁט פַארְהַאנְדְן! וָוארְן אָט אֲפִילוּ דוּ, הָאסְט קַיינְמָאל דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ נִישְׁט גֶעזֶעהְן״!

הָאט וִוידֶער דֶער ׳חָכָם׳ דֶער ׳שְׁלִיחַ׳ גֶעפְרֶעגְט: ״אַז סְ׳אִיז יָא אַזוֹי, וֶוער זֶע פִירְט דִי מְדִינָה״?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט (דְהַיְינוּ: דֶער ׳חָכָם׳, דֶער חַבֵר פוּן דֶעם ׳תַּם׳): ״דָאס? אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן קְלָאר!

וָוארְן אִיךְ בִּין דֶערִינֶען גֶענִיט [בַּאקַאנְט], און מִיךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן! וָוארְן אִיךְ בִּין אוֹיסְן־גֶעוֶוען [אַרוּמְגֶעוַואנְדֶערְט אִין] לֶענְדֶער! בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין ׳אִיטַאלְיָא׳!

אִיז [דָארְט] אַזוֹי דֶער מִנְהָג: [אַז] סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן ׳זִיבֶּעצִיג רַאטְהֵיירְן׳ [רַאטְגֶעבֶּער], און זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיף און פִירְן דִי מְדִינָה אַ [בַּאשְׁטִימְטֶע] צַייט! - און מִיט דֶעם שְׂרָרָה׳שַׁאפְט [צוּ זַיין פוּן דִי ׳זִיבֶּעצִיג רַאטְגֶעבֶּער׳], טֵיילְן זִיךְ אַיין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה, אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערְן״!

(דְהַיְינוּ: פְרִיעֶר [קוֹדֶם] זֶענֶען דִי [זֵיי], דִי ׳רַאטְהֵיירְן׳ [רַאטְגֶעבֶּער] - דֶערְנָאךְ גֵייעֶן דִי [זֵיי] אַרָאפּ, און אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אַרוֹיף און פִירְן דִי מְדִינָה - און אַזוֹי אַלֶעמָאל אַנְדֶערֶע)!

הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע רֵייד, אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן ׳חָכָם׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳שְׁלִיחַ׳) - בִּיז סְ׳אִיז בַּיי זֵיי בֵּיידֶע גֶעבְּלִיבְּן: ״אַז סְ׳אִיז בְּוַודְאַי קַיין ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט דָא״!

הָאט זִיךְ וִוידֶער אָנְגֶערוּפְן דֶער ׳חָכָם׳ (דֶער חַבֵר פוּן דֶעם ׳תַּם׳): ״וַוארְט בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ

דֶערְוויִיזְן קְלָאר, אַז ס'אִיז בְּוַודַּאי קֵיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא'"!

הָאט דֶער 'חָכָם' [דֶער חַבֵר פוּן דֶעם 'תָּם'] זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אִינְדֶערְפְרִי, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט דֶעם אַנְדֶערְן 'חָכָם' דֶעם 'שָׁלִיחַ' – אוּן הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "קוּם מִיט מִיר אוֹיף דֶער גַאס, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן [קְלָאר], ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין 'טָעוּת', אוּן ס'אִיז גָאר קֵיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט פַארְהַאנְדְן"! [אוּן זֵיי אַלֶע לֶעבְן אִין אַ 'גְרוֹיסְן טָעוּת']!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין 'מַארְק'! הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן: אַ 'זֶעלְנֶער'! – הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעכַאפְּט, אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶועמֶען דִינְסְטוּ"?! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶעם 'מֶלֶךְ'"! – [הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט]: "הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן דֶעם' מֶלֶךְ' זִינְט דוּ לֶעבְּסְט"?! – עֶנְטְפֶערְט עֶר: "נֵיין"!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (דְהַיְינוּ: דֶער עֶרְשְׁטֶער 'חָכָם', דֶער חַבֵר פוּן דֶעם 'תָּם' – אִים רוּפְן מִיר אַלְץ: "דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם") אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "זֶעה, אִיז דָא [פַארְהַאן] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'נַארִישְׁקֵייט'"?!

(כְּלוֹמַר: דֶער 'סָאלְדַאט' דִינְט דֶעם 'מֶלֶךְ', אוּן עֶר קֶען אִים נִישְׁט – וָוארְן דֶער 'חָכָם' הָאט אַלְץ גֶעוָואלְט מִיט זַיין 'נַארִישֶׁער חָכְמָה' דְרִינְגֶען: "אַז ס'אִיז גָאר קֵיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא", כַּנַ"ל.

נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען, צוּ אַ 'אָפִיצִיר' פוּן דֶעם 'חַיִל' [מִילִיטֶער] – אוּן זֵיי זֶענֶען מִיט אִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין רֵייד [אַ שְׁמוּעֶס] – בִּי זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶועמֶען דִינְסְטוּ"?! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶעם 'מֶלֶךְ'"! – [הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט]: "הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן דֶעם 'מֶלֶךְ'"?! – [עֶנְטְפֶערְט עֶר]: "נֵיין"!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן [דֶער עֶרְשְׁטֶער 'חָכָם', צוּם 'חָכָם' דֶער 'שָׁלִיחַ']: "אַדְרַבָּא, אָט זֶעה מִיט דִי אוֹיגְן [קְלָאר], אַז זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה, אוּן ס'אִיז קֵיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא [אוֹיף דֶער וֶועלְט]! (וָוארְן דֶער 'אָפִיצִיר' הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעזֶעהְן דֶעם 'מֶלֶךְ')".

אִיז צְווִישְׁן זֵיי גֶעבְּלִיבְן: "אַז ס'אִיז קֵיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא"!

הָאט זִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער 'חָכָם' אָנְגֶערוּפְן: "קוּם לָאמִיר פָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט – וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ [נָאכְמֶער] וַוייזְן, ווִי [ווִיאַזוֹי] דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ זֵייעֶר טוֹעֶה אִין גְרוֹיסֶע 'נַארִישְׁקֵייט'"!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט! – אוּן אוּמֶעטוּם וואוּ זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין 'טָעוּת'!

(כְּלוֹמַר: דִי [דָאזִיגֶע] 'חֲכָמִים', זֶענֶען דוּרְךְ זֵייעֶר 'חָכְמָה' פַארְגַאנְגֶען [פַארְקְרָאכְן] אִין אַזוֹינֶע 'נַארִישְׁקֵייט' – בִּיז זֵיי הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַלְץ אִין 'טָעוּת').

אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' (כְּלוֹמַר: דָאס וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעקְלֶערְט אַז ס'אִיז קֵיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא), דָאס אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי גֶעוָוארְן פַאר אַ 'מָשָׁל'! – אוּן וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין 'טָעוּת', הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דֶעם 'מֶלֶךְ' פַאר אַ 'מָשָׁל': "[אַז] אַזוֹי-ווִי דָאס אִיז אֶמֶת, אַז ס'אִיז דָא אַ 'מֶלֶךְ' – אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ"!

זֶענֶען זֵיי אַזוֹי אוֹיסְן-גֶעוֶוען [אַרוּמְגֶעוַואנְדֶערְט] דִי וֶועלְט, אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן! – בִּיז ס'אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט! – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְקוֹיפְן אֵיין 'פֶערְד', אוּן דֶערְנָאךְ דָאס אַנְדֶערֶע – בִּיז זֵיי הָאבְּן אַלֶע פַארְקוֹיפְט – בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין צוּ-פוּס!

אוּן תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעקְלֶערְט [גֶעפָארְשְׁט] דִי וֶועלְט! – אוּן הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַלְץ: "אַז דִי וֶועלְט אִיז אִין 'טָעוּת'"!

אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן 'קַבְּצָנִים' [אָרִימֶעלַייט] 'פוּס-גֵייעֶרְס'! – אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט חָשׁוּב גֶעוֶוען! – אוּן מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף זֵיי גָארְנִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט, אוֹיף אַזוֹינֶע 'קַבְּצָנִים'!

נאמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (6)

**א. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ווען ער האט אים געברענגט דאס בריוו?**
- ☐ מיט א שמחה וועל איך שוין ארויס גיין צום מלך.
- ☐ ווייז מיר אויף אז דער מלך האט געבעטן איך זאל קומען.
- ☐ ווארט און נעכטיג דא איבער.

**ב. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ביי די סעודה פאר נאכט ?**
- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקן נאך אזא קליין מענטש ווי איך.
- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקן נאך אזא חכם ווי איך.
- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקן נאך אזא עושר ווי איך.

**ג. וואס לערנסטו זיך דערוויילן פון די מעשה?**
- ☐ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ☐ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ☐ אז ווען דער מלך רופט קומט מען נישט (ח"ו)

**ד. וואס האט נאך געזאגט דער חכם פארן חכם השני דער שליח פון מלך?**
- ☐ אז נישט דער מלך האט דיר געשיקט נאר איינער פון די באדינערס.
- ☐ אז עס איז נישטא קיין מלך אויף די וועלט.
- ☐ דער מלך האט נישט געמיינט באמת מיר צו רופן.

**ה. צו דען האט דער חכם דער שליח פון מלך, געזען אמאל דער מלך ?**
- ☐ ניין .
- ☐ יא.
- ☐ איינציגע מאל.

**ו. וואס האט דער חכם געזאגט פאר דער שליח פון מלך ווער דען פירט די מדינה ?**
- ☐ דער מיניסטער.
- ☐ דער מלך.
- ☐ די זיבעציג ראטהייררין (שרי יועצים).

**ז. וואס נאך האט דער חכם געזאגט פארן צווייטן חכם דער שליח פון מלך?**
- ☐ קום לאמיר פארן אויף דער וועלט.
- ☐ קום לאמיר עפעס עסן.
- ☐ קום לאמיר גיין צום תם און אים אויף ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

**ח. וואס האט פאסירט מיט די חכמים נאך וואס זיי זענען געפארן אויף דער וועלט ?**
- ☐ זיי זענען זייער רייך געווארן.
- ☐ זיי האבן מצליח געווען צו באווייזן פאר די וועלט אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט .
- ☐ זיי זענען געווארן קבצנים פוס גייערס.

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

## איבער געטראכט

**וועלכע מידה האט דעם חכם זיך געפירט כדי צו באווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו)?**

**וויפיל מאל האט דער חכם פרובירט אויפווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו) ?**



**תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (5)**

**וועלכע זאכן פון די מעשה פון די וואך, האט דער רבי געבעטן מען זאל זיך זייער דערוויטערן דערפון ?**

ליצנות

**און ביי וועלכע מעשיות נאך ווערט עס דערמאנט ?** מעשה ג׳ און מעשה ו׳

**די געווינער וועט מען בעז"ה שרייבן די קומענדיגע וואך. היות עס איז בטעות שפעט ארויף די בחינות אויפן טעלעפאן וועט מען קענען מאכן די בחינות נומער 5 ביז זונטאג תצוה ביינאכט**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגניין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## דֶער גוֹי קְלַאפְּט אִין טִיר

גֶעוֶוען אַמָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי'ס לַייט זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען פַאר אִים, אִינְצְוִוישְׁן אִיז גֶעקוּמֶען אַ גוֹי - אֵיינֶער פוּן דִי גוֹי'שֶׁע זֶעלְנֶער, און גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן פֶענְסְטֶער פְרֶעגְנְדִיג דֶערְבַּיי: "גֶעפִינְט זִיךְ דָא אֵיינֶער פוּן דִי זֶעלְנֶער?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, קֵיינֶער פוּן זַיי אִיז נִישְׁט דָא". אִיז דֶער מִילִיטֶערְמַאן זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג.

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז עֶר וִוידֶער גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין און גֶעקְלַאפְּט שְׁטֶערְקֶער אִין פֶענְסְטֶער און גֶעפְרֶעגְט: "אִיז דָא אֵיינֶער פוּן דֶער מִילִיטֶער?".

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן: "פּוּנְקְט אַזוֹי אִיז עֶנְקֶער יֵצֶר-הָרָע, צוּם עֶרְשְׁט קוּמְט עֶר קְלַאפְּן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ מֶען שָׁאקְלְט זִיךְ אָפּ פוּן אִים, מֶען וַוייזְט אִים דִי טִיר, און מֶען עֶנְטְפֶערְט אִים אַז קֵיינֶער פוּן זַיינֶע מִילִיטֶערְלַייט גֶעפִינֶען זִיךְ נִישְׁט און מֶען פַארְטְרֵייבְּט אִים, דֶעמָאלְט גֵייט עֶר זִיךְ אִין זַיין וֶועג.

מִיט דֶעם אַלֶעם קוּמְט עֶר וִוידֶער אַפִּיר און קְלַאפְּט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, טְרָאץ וָואס מֶען הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן און גֶעלָאזְט וִויסְן אַז זַיינֶע חֶבְרָה זֶענֶען נִישְׁט דָא, נִישְׁט עֶר אָדֶער זַיינֶע לַייט הָאבְּן דָא אַ פְּלַאץ, וֶועט אָבֶער דֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען אֵיין מָאל נָאכְן צְוֵוייטְן. דִי עֵצָה אִיז אִים צוּ פַארְטְרֵייבְּן יֶעדֶעס מָאל בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּטוּן.

אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע אָרְט (תורה מ"ח חלק ב') רֶעדְט דֶער רֶבִּי דֶערְפוּן אַז מֶען דַארְף זַיין גָאר אַ שְׁטַארְקֶער עַקְשָׁן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר, אֵיין מָאל און נָאכְאַמָאל אֲפִילוּ מֶער פוּן הוּנְדֶערְט מָאל! און אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ שְׁטֶעלְן פֶעסְט אַנְטְקֶעגְן אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אִים צוּ פַארְשִׁיקְן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל!

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תקל"ו)

